**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול גיבט ארויס פראקלאמאציע אום 'ערד טאג' ביים שלוס פון 'ערד וואך'**

***פאלגט נאך גאווערנער האוקול'ס היסטארישע עןווייראנמענטאלע אינוועסטירונגען אין דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט***

***לייענט דער פראקלאמאציע דא***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע איבער 'ערד טאג' ביים שלוס פון 'ערד וואך'. דאס פאלגט נאך די גאווערנער'ס דרייסטע, פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע אינפראסטרוקטור און קלימאט ווידערשטאנד-פעאיגקייטן אין דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט, ווי אויך די גאווערנער'ס מעלדונג פון 638 מיליאן דאלער אין גרענטס צו אָפּגרעיד'ען וואסער אינפראסטרוקטור לענגאויס דעם סטעיט. גאווערנער האוקול האט אויך אויסגעמאלדן דאס גוטהייסן קאנטראקטן צו ליפערן באנייבארע עלעקטרישע קראפט צו ניו יארק סיטי און א 150 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו ערזעצן אלטע וואסער און סוער סיסטעם אינפראסטרוקטור אין מאונט ווערנאן, ווייטער צייגנדיג ניו יארק סטעיט'ס אנטשלאסנקייט צו פאראויס-פירן עןווייראנמענטאלע ריכטיגקייט פאר יעדע קאמיוניטי.

"ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער אין דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג, און היי-יאר פייערן מיר 'ערד טאג' נישט נאר מיט רייד נאר אויך מיט שריטן," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "אינוועסטירן אין אָף-שאָר ווינט ענערגיע, קלימאט-גינציגע הייזער, זערא עמיסיע סקול באסעס, און פארברייטערן דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאָבס עןווייראנמענטאל באָנד' געזעץ זענען בלויז עטליכע שריטן וואס ניו יארק נעמט אויף צו לייזן דער קיום'דיגער דראונג פון קלימאט ענדערונג און מאכן אונזער סטעיט גרינער און מער שטאנדהאפטיג. מיר מוזן פארזיכערן אז מיר לאזן איבער אונזער פלאנעט בעסער פאר אונזערע קינדער און זייערע קינדער, און אין ניו יארק נעמען מיר ערנסט דער פאראנטווארטליכקייט."

גאווערנער האוקול האט ארויסגעגעבן דער פראקלאמאציע לכבוד 'ערד וואך', די טעג ארום דעם יערליכן 'ערד טאג' פייערונג אום אפריל 22. א פולע קאָפּיע פון דער פראקלאמאציע קען מען זען דא.

פריער דעם וואך, האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן אז דער סטעיט 'עןווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' האט אויסגעטיילט 638 מיליאן דאלער אין גרענטס צו מוניציפאליטעטן און פובליק אויטאריטעטן פאר 199 וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע וועלן באשיצן פובליק געזונטהייט אדער פארבעסערן וואסער קוואליטעט. קרוב צו 601 מיליאן דאלער אין 'וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט' גרענטס און איבער 37 מיליאן דאלער אין נאך פעדעראלע סובווענצן וועלן שטיצן אומגעפער 1.6 ביליאן דאלער אין סה"כ אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג. די גרענטס ווערן פאראויסגעזען צוביישטייערן איבער 35,000 דזשאָבס צו ניו יארק'ס עקאנאמיע און

שפארן שטייער-צאלער בערך 1.4 ביליאן דאלער. די דאזיגע מעלדונג צייכנט אפ די גרעסטע אויסטיילונג פון וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט גרענטס.

די גאווערנער האט אויך געמאלדן אז די סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע האט באשטעטיגט קאנטראקטן מיט 'קלין-פעט ניו יארק על-על-סי' פאר איר 'קלין-פעט NY' פראיעקט און H.Q ענערגיע סערוויסעס אינק. פאר איר 'שאַמפּלעין הודסאָן פּאַווער עקספּרעס' פראיעקט צו ליפערן ריינע, באנייבארע סאָלאַר, ווינט און היידראָ-עלעקטרישע קראפט פון אָפּסטעיט ניו יארק און קאנאדע צו ניו יארק סיטי. דער סטעיט'ס ערשט-פון-איר-סארטיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן זענען ערווארטעט צו ברענגען ביז 5.8 ביליאן דאלער אין אלגעמיינע געזעלשאפטליכע בענעפיטן איבער'ן סטעיט, אריינגענומען גרינהויז גאז רעדוקציעס און לופט קוואליטעט פארבעסערונגען, און 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס מיט שוואכערע מעגליכקייטן.

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן א היסטארישע 150 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג און א פרעצעדענט-שטעלנדע דריי-פאכיגע צוזאמארבעט מיט מאונט ווערנאן מעיאר שאון פעטערסאן-האווארד און וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער צו תיכף אנהויבן ארבעט צו אדרעסירן לאנגיעריגע וואסער אינפראסטרוקטור און פארבינדענע פובליק געזונטהייט פלאגענישן וועלכע די שטאט מאונט ווערנאן האט שוין אויסצושטיין צענדליגע יארן. די מעלדונג אנטהאלט 7 מיליאן דאלער זאפארט אנצוהייבן דעם 'דריטע סטריט סוער פראיעקט', וואס נאכ'ן פערטיגן וועט פארזיכערן פארלעסליכע מיסט-וואסער סערוויס פאר 500 דערנעבנדע הויזגעזינדער איצט סערווירט דורך פראוויזארישע פאמפס און א צוזאמגעקלאפטע סיסטעם אוועקגעשטעלט אויפ'ן גאס צו פארזיכערן פאסיגע מיסט-וואסער פארזאמלונג.

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן די אפהיט פון 1,175 עיקערס עקאלאגיש וויכטיגע וואלד שטחים לענגאויס דעם רענעסעלער פלאטאו נאך וואס עס איז אפגעקויפט געווארן פון דעם 'רענעסעלער פלאטאו פארבאנד', וועלכע האט אויך באקומען א גרענט, פון צווישן 51 לאנד-שטח אפטרופוס ארגאניזאציעס וועלכע באקומען איבער 3.3 מיליאן דאלער אין סטעיט פינאנצירונג אויסגעמאלדן פריער דעם וואך.

פריער דעם חודש האט גאווערנער האקול דייטליך ארויסגעהויבן די אינוועסטירונגען און ענווייראנמענטאלע אונטערנעמונגען אין דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט.

**ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד אקט**
די איינגעפירטע בודזשעט גיבט ערלויבעניש פאר נאך 1.2 ביליאן דאלער, פאר א סה"כ 4.2 ביליאן דאלער פאר דעם היסטארישן 'ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד' געזעץ. דער היסטארישער איניציאטיוו וואס וועט אויפגענומען ווערן דורך וויילער שפעטער דאס יאר, וועט צושטעלן די שטיצע וואס ניו יארק דארף האבן אויף צוצושטעלן זיכערע טרונק-וואסער; אינוועסטירן אין קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור; איופריכטן קריטיש-וויכטיגע ענווייראנמענטאלע באשעפעניש וואוין-ערטער; רעדוצירן פלייצונג ריזיקעס; אפהיטן אונזער אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פאַרמס; און אינוועסטירן אין קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג פראיעקטן וועלכע וועלן רעדוצירן לופט פארפעסטונג, נידערן קארבאן עמיסיעס און פארבעסערן די פעאיגקייטן פון ניו יארקער קאמיוניטיס צו קעגנשטיין דער קלימאט-געטריבענע העכערונג און שווערע וועטער אומשטענדן און פלייצונגען. דער באָנד אקט וועט אויך שטיצן א באדייטנדע אינוועסטירונג אין דער ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו וואס וועט דערגרייכן יעדע פובליק סקול וואס געפונט זיך אין אן אומגינציגע קאמיוניטי.

**ענווייראנמענטאלע איניציאטיוון**

אין צוגאב צו דעם ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאָבס ענווייראנמענטאל באָנד׳ געזעץ, טוט דער בודזשעט צושטעלן א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן לייזונגס-מיטלען און צופאסונגען צוליב קלימאט ענדערונג, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער דורכפירן קאנסערוואציע ארבעט, און צושטעלן פארוויילונגס געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. אין צוגאב, איז אריינגערעכנט 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017.

דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג׳ס פינאנצירונג וועט שטייגן מיט 15 מיליאן דאלער. די הערכה איז אז די העכערונג וועט גיין פאר קאפיטאל געברויכן צו פארבעסערן סטעיט שטחים, רעהאביליטירן קעמפינג ערטער, און אפגרעיד׳ען איר פארוויילונגס איינריכטונגען, אלצדינג אלס טייל פון דעם ׳אַדווענטשור NY׳ פראגראם וואס באהעפט ניו יארקער מיט׳ן נאטור. די פינאנצירונג וועט אויך באזארגן פאר געזונט און זיכערהייט פארריכטונגען צו סטעיט אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט דאמבעס, וועטלענד אויפריכטונג, סטעיט ערד-טיילן און פישערייען. דער איינגעפירטער בודזשעט אנטהאלט אויך נאך 20 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען ביי סטעיט-באזיצטן קאנגלינגוויל דאמבע.

אין איינקלאנג מיט דער גאווערנער׳ס פארשפרעכונג צו באשיצן ניו יארק׳ס נאטורליכע אייגנשאפטן, אנטהאלט דער בודזשעט העכסט-נייטיגע פארבעסערונגען צו די סטעיט׳ס וועטלענדס באשיצונג פראגראם, אפצוהיטן בערך איין מיליאן נאך עיקערס פון אומבאשיצטע באשפעניש וואוין-ערטער וועטלענדס און העלפן ניו יארק זיך צופאסן צו די גרעסערע צאל פלייצונגען און שווערע שטורעמס געטריבן דורך קלימאט ענדערונג.

דער בודזשעט אנטהאלט א פארלענגערונג און פארברייטערונג פון ניו יארק סטעיט׳ס ערפאלגרייכע [בראָונפילד אויפרייניגן פראגראם](#) (BCP), וואס איז געווען באשטימט אפצולויפן אין דעצעמבער 2022. דער פראגראם איז ווידער אויטאריזירט געווארן פאר 10 יאר. דער בודזשעט פארבעסערט דעם פראגראם דורך באלוינען אויפרייניגונג אין קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן. אין צוגאב טוט דער פראגראם ווידער-באשטעטיגן גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו צוגענגליכע האָוזינג אנטוויקלונג דורך פארברייטערן דעם אוניווערס פון צוגענגליך האָוזינג פראגראמען בארעכטיגט פאר BCP פראָפערטי שטייער קרעדיטס, באזארגן העכסט-נויטיגע בענעפיטן צו באלוינען דער ווידער-אנטוויקלונג פון בראָונפילדס אלס העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג. ווייטער טוט דער BCP איצט מוטיגן דאס אנטוויקלען געוויסע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען, מיט נייע שטייער קרעדיטס, צו העלפן פאקוסירן BCP-געטריבענע ווידער-אנטוויקלונג און נאכקומען די סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט צילן.

**זעראָ עמיסיע סקול באסעס**
אויף צו פארבעסערן לופט קוואליטעט פאר ניו יארקער קינדער אין סקול, פארלאנגט דער סטעיט בודזשעט אז אלע נייע סקול באס איינקויפונגען זאלן זיין זערא-עמיסיעס ביז 2027 און אלע סקול באסעס אויפ׳ן ראוד זאלן זיין זערא-עמיסיעס ביז 2035. דער סטעיט בודזשעט וועט צושטעלן 500 מיליאן דאלער דורך דער ענווייראנמענטאל באָנד געזעץ צו שטיצן סקול דיסטריקטן אין איינקויפן זערא-עמיסיע באסעס און פארבינדענע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור, כולל טשארדזשינג סטאנציעס. אין צוגאב אויטאריזירט דער סטעיט בודזשעט פאר סקול דיסטריקטן צו ליעס׳ען אדער פינאנצירן זערא-עמיסיע באסעס אויף 12 יאר, מער ווי טאפלט דער איצטיגער פינף-יעריגער באגרעניצונג פאר דיעזעל באסעס, כדי צו העלפן דיסטריקטן נאכקומען דעם ציל, און עס פארזיכערט אז טראנספארטאציע הילף ווערט צוגעשטעלט אויף זערא-עמיסיע באסעס און פארבינדענע טשאַרדזשינג אינפראסטרוקטור.

דער בודזשעט וועט בויען אויף גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו ברענגען ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט צו ניו יארקער סקולס. דער ׳קלין גרין סקולס׳ איניציאטיוו, געשטיצט דורך דער ׳ריינע

וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאל באַנד אקט׳ וועט סערווירן איבער 1,000 פובליק סקולס און עס וועלן געניסן דערפון באלד 1 מיליאן סטודענטן. דער פראגראם וועט טרייבן באדייטנדע אינפראסטרוקטור אפגרעיד, ווי צ.ב.ש. געאטערמאל הייצונג און קילונג, סאָלאַר ענערגיע, גרינע דעכער, און אינעווייניגע לופט קוואליטעט / אויסלופטערונג. די הערכסט-נויטיגע אינוועסטירונג וועט נישט נאר הייבן דער סטעיט׳ס עקאנאמיע נאר אויך העלפן ברענגען קלימאט יוסטיץ דורך ברענגען ריינע ענערגיע און א געזונטערע אינעווייניגע ענווייראָנמענט פאר פובליק סקולס מיט נישט גענוג הילפס-מיטלען.

**קלימאט-גינציגע שטובער**
אלס טייל פון די גאווערנער׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן די דעוועלאפמענט פון וויניגסטנס 1 מיליאן עלעקטריזירטע שטובער און ביז 1 מיליאן עלעקטריזירונג-גרייטע שטובער ביז 2030, גיבט דער איינגעפירטער בודזשעט פינאנצירונג פאר א 25 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע קאפיטאל האָוזינג פלאן וואס וועט שאפן און אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער און עלעקטריזירן נאך 50,000 שטובער.

**אָף-שאָר ווינט ענערגיע אינוועסטירונג**
דער איינגעפירטער בודזשעט איז כולל 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג צו אנטוויקלען דער סטעיט׳ס אָף-שאָר ווינט סופליי-טשעינס און פּאָרט אינפראסטרוקטור. דער לאנד-וועגווייזיגער איניציאטיוו וועט שאפן 2,000 דזשאבס אין אן אויפשטייגנדער אינדוסטריע, און גלייכצייטיג העלפן מאכן ניו יארק דער אָף-שאָר ווינט ענערגיע קאפיטאל פון דעם לאנד.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
דער איינגעפירטער בודזשעט וועט הערכן פינאנצירונג פאר׳ן אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג מיט 140 מיליאן דאלער, פאר א סה״כ פון 250 מיליאן דאלער. דער אויפשטייג וועט ווערן אינוועסטירט אויף פארשטערקערן און פארבעסערן ניו יארק׳ס סטעיט פארקס. די באדייטנדע מאס פינאנצירונג וועט העלפן די אנגייענדע טראנספארמאציע פון ניו יארק׳ס מערסט-בארימטע פארקס און שטיצן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם פארק סיסטעם.

די פינאנצירונג וועט ערמעגליכן פאר׳ן אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג ווייטער צו פירן איר מיסיע פון באזארגן זיכערע, געניסבארע פארוויילונגס און אויסטייטש מעגליכקייטן פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער און באזוכער. דער אפיס פונקציאנירט אלס אן אפטרופוס פאר ניו יארק סטעיט׳ס ווערדפולע נאטורליכע, היסטארישע און קולטורעלע אייגנטומען. OPRHP אפערירט פאר׳ן סטעיט פארק סיסטעם, א נעטוואָרק פון 181 סטעיט פארקס און 35 היסטארישע ערטער. אין 2021, האט דער סיסטעם אויפגענומען א רעקארד 78.4 מיליאן באזוכער.

דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג און דער אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוען אינאיינעם אויפזען 5.35 מיליאן עיקערס פון אפענע-לופט ערטער איבער׳ן סטעיט, אריינגערעכנט 2.6 מיליאן עיקערס אין דעם אדיראנדעק פארק און באלד 300,000 עיקערס אין דעם קעטסקיל וואלד פרעזערוו.

###